# אהרן צייטלין: אַ קורצע ביאָגראַפֿיע

## יחזקאל ליפּשיץ

צייטלין, אהרן-עליעזער, ייִדיש-העברעיִשער פּאָעט, דראַמאַטורג, פּובליציסט און עסייִסט. געבוירן געוואָרן אין 1899(1) אין אוואַראָוויטשי, ווײַסרוסלאַנד. זון פֿון הלל צייטלין. ביז 1907 האָט ער פֿאַרבראַכט אין האָמעל און ווילנע. אין אָט דעם יאָר האָט זיך זײַן משפּחה אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע, ווּ ער האָט געלערנט בײַם פֿאָטער און אין אַ חדר-מתוקן; האָט פֿאַרענדיקט אַ העברעיִש-פּוילישע גימנאַזיע און באַזוכט הויכשול-קורסן. אין 1920 איז ער, צוזאַמען מיט זײַן ייִנגערן ברודער עלחנן, אַוועק קיין ארץ-ישׂראל. ער האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע אין 1921. אויפֿן וועג אַהיים האָט ער באַזוכט עטלעכע אייראָפּייִשע לענדער. צייטלין האָט אָנגעהויבן שרײַבן ווי אַ קינד. אין 1911 האָט ער שוין פֿאַרעפֿנטלעכט קינדער-זאַכן אין דעם אָדעסער קינדער-זשורנאַל _פּרחים_, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן פֿון ליוונערן און אויך אין אַ צווייטן קינדער-זשורנאַל _השחר_, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן פֿון גלעב רעוווּצקי.

זײַן ערשטע ליטעראַרישע שאַפֿונג _די מַטרוניתא_ האָט ער אָפּגעדרוקט אין _דער ייִדישער וועלט_ אין (אַפּריל) 1914, אונטער דער רעדאַקציע פֿון ש. ניגער. פֿון די פֿריִע 1920ער יאָרן האָט ער זיך באַטייליקט אין ייִדישע און העברעיִשע צײַטשריפֿטן אין פּוילן, ארץ-ישׂראל און אַמעריקע, ווי _אונדזער עקספּרעס_ (ווּ ער איז אויך געווען דער רעדאַקטער פֿון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג), _ביכער וועלט_, _ליטעראַרישע בלעטער_, _טעאַטער-צײַטונג_, _וואַרשעווער אַלמאַנאַך_, _וואַרשעווער שריפֿטן_, _גלאָבוס_ (וואָס ער האָט געשאַפֿן און רעדאַגירט), _השילוח__, _התּקופֿה_ (ווּ ער איז אַ צײַט געווען מיטרעדאַקטער און רעדאַקטער); אין דעם אילוסטרירטן חודש-זשורנאַל פֿאַר קינדער, _שיבאָלים_, וואָס ער האָט רעדאַגירט: _מאָרגן-זשורנאַל_, _טאָג-מאָרגן זשורנאַל_, _פֿאָרווערץ_, _צוקונפֿט_, _אינזיך_, _ייִדישער קעמפּער_, _סבֿיבֿה_, _קינדער-זשורנאַל_, _הדואר_, _זאַמלביכער_, _דבֿר_, _פֿאָלק און ציִון_, _די גאָלדענע קייט_, _לעצטע נײַעס_ וכדומה.

אין בוכפֿאָרעם: _מאַטאַטראָן_, פֿאַרלאַג אַלט-יונג, וואַרשע 1922, 64 זײַטן; _שאָטנס אויפֿן שניי_, לידער, פֿאַרלאַג בעלעטריסטן-פֿאַראייניקונג בײַם פֿאַראיין פֿון ייִדישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, וואַרשע 1923, 135 זײַטן; _יאַנקעוו פֿראַנק_, דראַמע אין זעקס בילדער, פֿאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1929, 108 זײַטן; _ברענענדיקע ערד_, ראָמאַן, פֿאַרלאַג ייִדישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק, וואַרשע 1937, 335 זײַטן; _ברענער_, דראַמאַטישע דיכטונג אין 3 אַקטן, וואַרשע 1929, 143 זײַטן; _אין קאַמף פֿאַר אַ ייִדישער מלוכה_, ניו-יאָרק 1943, 31 זײַטן; _געזאַמלטע לידער_,

פֿאַרלאַג מתּנות, 3 בענדער, ניו-יאָרק 1947-1957; _אַלע לידער און פּאָעמעס_, פֿאַרלאַג בערגען-בעלזען, ניו-יאָרק 1970, 529 זײַטן; געזאַמעלטע דראַמעס, פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ תּל-אָבֿיבֿ 1974, 372 זײַטן; צוזאַמען מיט י.-י. טרונק, _אַנטאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער פּראָזע אין פּוילן צווישן ביידע וועלט-מלחמות (1914-1939)_, ניו-יאָרק, 1946, 637 זײַטן; _בײן האש והישאַ_, פּואמה דרמתית, יבֿנה, תּל-אָבֿיבֿ, 1957, 391 זײַטן; _מן האָדם ומעלה_, שתּי פּואמות דרמתיות, יוונע, תּל-אָבֿיבֿ, 1964, 239 זײַטן; _רוח ממצולה_, שירים, יבֿנה, תּל-אָבֿיבֿ, טאַשל״ה, 489 זײַטן.

אין מאַרץ 1939 איז צייטלין פֿאַרבעטן געוואָרן קיין אַמעריקע פֿון מאָריס שוואַרצן, וואָס האָט זיך געגרייט אויפֿצופֿירן זײַן פּיעסע _עסטערקע_. מיט עטלעכע יאָר פֿאַר דעם האָט דאָס קונסט-טעאַטער אויפֿגעפֿירט צייטלין׳ס _כעלעמער חכמים_, וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפֿאָלג. אחוץ זײַן ליטעראַרישע און פּובליציסטישע אַרבעטן איז ער אויך געווען אַן אָפֿטער רעדנער אויף ליטעראַרישע צונויפֿקומען און מסיבהס. ער איז אויך געווען פּראָפֿעסאָר פֿון העברעיִשער ליטעראַטור אינעם לערער-אינסטיטוט בײַם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו-יאָרק. ער האָט באַקומען די העכסטע ליטעראַרישע פּרײַזן פֿון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, צווישן זיי די ה. לייוויק-פּרעמיִע פֿון קולטור-קאָנגרעס. ער איז געשטאָרבן אין ניו-יאָרק דעם צווייטן טאָג ראָש השנה תּשל״ד און איז געקומען צו קבֿר ישׂראל אין מדינות ישׂראל.

זײַן פֿאָטער -- הלל צייטלין -- האָט געשריבן ניגערן אין 1914, ווען ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער _ייִדישע וועלט_ אַרנס ערשטע ליטעראַרישע שאַפֿונג, אַז זײַן זון ״האָט געשריבן (און גוט געשריבן) בשעת ער האָט נאָך געלערנט אין חדר-מתוכּן״ און ״בשעת ער איז אַלט געווען 10 יאָר האָט ער אָן מײַן ידיעה געשיקט דרײַ זייער שיינע זאַכן צו ה[ער] לעוונער און ה[ער] לעוונער האָט זיי אַלע אָפּגעדרוקט אין _הפּרחים_. שפּעטער האָט ה[ער] גלעב רעוווּצקי (בן עליִעזער) אָפּגעדרוקט זײַנע זייער אַ שיינע זאַך אין _השחר_. נאָר די געדרוקטע זאַכן גיבן ניט אפֿילו דעם מינדסטן באַגריף פֿון זײַן שאַפֿן... ווילט איר אַלזאָ וויסן וואָס איך דענק וועגן אים, איז אָט וואָס: ער איז ניט נאָר אַ ׳טאַלאַנט׳, נאָר אַ _גרויסער_ דיכטער, זייער אַ גרויסער. ער וועט אין זײַן פּערזאָן פֿאַראייניקן פּרץ און ביאַליק צוזאַמען און אויב ניט נאָך העכער.״ (_פּינקעס_ 3, ניו-יאָרק 1975, זײַט 426).

זײַן פֿרײַנד יצחק באַשעוויס זינגער האַלט אים פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע דיכטער פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ״ער איז געווען אַ מענטש מיט גרויס וויסן, אַ גײַסטיקער ריז.... צייטלין האָט געלייענט אָן אַ שיעור. ער איז געווען אַ בקי אין געטע, שעקספּיר, מילטאָן, אין דער רוסישער, פּוילישער, העברעיִשער, פֿראַנצויזישער, דײַטשער ליטעראַטור. ער האָט דאָס

אַלץ געלייענט אין אָריגינאַל. ער האָט אַנטדעקט שרײַבער און דענקער.... בײַ דעם אַלעמען איז זײַן ליד געבליבן אָריגינאַל. ער האָט קיינעם נישט נאָכגעמאַכט, ווײַל ער האָט געהאַט אייגענע קוואַלן און ווײַל ער אַליין איז אָפֿט געווען גרעסער פֿון יענע וואָס ער האָט שטודירט_ (_פֿאָרווערץ_, 10טן און 16טן פֿעב. 1978).

ש. ניגער האָט שיין וועגן זײַן ערשט ווערק _מאַטאַטראָן_ געשריבן:
_ווּ האָבן מיר אין דער פּאָעזיע פֿון די הײַנטיקע טונקעלע צײַטן אַזאַ קלאָרקייט, אַזאַ ליכטיקייט פֿון זען?_ (_דער טאָג_, נעו-יאָרק, 10 סעפּט. 1922).

דער העברעיִשער ליטעראַטור-קריטיקער דר. ד. אַ. פֿרידמאַן שרײַבט אין אַן אַרײַנפֿיר צו _מאַטאַטראָן_ אַז ״עס שפּירט זיך אין אים אַ וועלט אַ גרויסע, געזען מיט יִדישע אויגן; עס הערט זיך אין אים דאָס ווילדע געפּילדער פֿון די צײַטן, אויפֿגענומען דורך יִדישע אויערן.... דערפֿאַר פֿאַרכאַפּט ערטערווײַז דער אָטעם לייענענדיק, וואָרעם אַזוי רעדט אַ _זעער_.״

Transcription: Leah Krikun
Conversion: Refoyl Finkel
Copyediting: Leonard Prager
Mirl Schonhaut-Hirshan
Noyekh Miller